איז בשעת מ׳פראוועט די סעודה פון מלוה מלכה ערב עשרה בטבת, איז דעמאלט מודגש דער ענין אז דאס איז סעודה דוד מלכא משיחא (וואס דאס איז דאך היפך הענין דעשרה בטבת) - וואס דאס פועל׳ט נאכמער דעם יהפכם ה׳ לששון ולשמחה.

ועפ"י האמור לעיל בנוגע צו אמירת התהלים (דער ענין התפלה) אז ס׳איז דא די הוראה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר זאגן די דריי קאפיטלאך הנ"ל, און וויבאלד אז שבת דארף דאך זיין דער ענין השמחה - זאל מען זינגען א ניגון של שמחה אויף יעדער קאפיטל פון די דריי, און דער ענין השמחה וועט ממהר זיין און מקדים זיין דעם ענין אז הימים האלו יהפכו לששון ולשמחה, בקרוב ממש.

אזוי ווי א ניגון אויף קאפיטל כ׳ ווייס איך ניט, איז דאך דא דער ניגון אויף די ווערטער "ושמחה בחגיך גו׳", וואס דאס איז דאך אויך פארבונדן מיט עשרה בטבת, ווארום יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה ולמועדים טובים, ווי דער רמב"ם (סוף הלכות תעניות) איז מוסיף דעם לשון הכתוב (זכרי׳ ח,יט) "ולמועדים טובים" (וואס אין שו"ע ברענגט זיך ניט דער המשך און דער רמב"ם ברענגט דאס יע), זאל מען זינגען דעם ניגון אויף דעם סיום פון דעם קאפיטל ( - ה׳ הושיעה גו׳).

[ובפרט אז קאפיטל כ׳ איז דאך פארבונדן מיט שבת, ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט איינגעפירט אז מ׳זאל זאגן דעם קאפיטל בשבת, מיט די גאנצע באווארעניש און די לשונות וכו׳ (נדפס בספר המנהגים ע׳ 17) וואס אין כאן המקום להאריך בזה.]

עד"ז בנוגע צו קאפיטל כ"ב איז דאך דא דער ניגון "בך בטחו אבותינו", וואס דאס איז פארבונדן במיוחד מיט עשרה בטבת, ווארום מ׳זאגט דעם לשון אין די סליחות פון עשרה בטבת.

עד"ז בנוג צו קאפיטל ס"ט איז דאך דא דער ניגון "כי אלקים יושיע ציון", וואס דאס איז דאך א ניגון וואס מ׳זינגט שוין דריי יאר, וואס בהלתא זמני הוי חזקה (ב"מ קו,ב).

און דורך די אלע ענינים וועט ווערן דער פדאני לי ולבני מבין אומות העולם, בעגלא דידן.

(ניגנו את הפסוק "ה׳ הושיעה המלך יעננו ביום קראנו" - בניגון של ושמחת בחגיך, הניגון "בך בטחו", והניגון "כי אלקים יושיע ציון").

ב. ע"ד ווי גערעדט בנוגע צו אמירת התהלים (ענין התפילה), אז אע"פ אז דאס איז אן ענין וואס איז תלוי בהרגש הלב, איז אעפ"כ דא א הוראה אויך בנוגע די פרטים פון דעם ענין, עד"ז איז אויך בנוגע צו תורה, אז אע"פ וואס מ׳זאגט לעולם ילמוד אדם במקום שלבו חפץ, אעפ"כ איז דא א הוראה בנוגע צו די פרטים פון דעם ענין. ולכל לראש איז דאס, ווי מ׳זאגט אז מ׳דארף לערנען הלכות החג בחג, עד"ז בנוגע צו דעם ענין התענית - אז מ׳דארף לערנען הלכות תענית.

וואס בנוגע צו הלכות תענית, זיינען דא כו"כ ספרים וואס רעדן וועגן הלכות תעניה: רמב"ם, שו"ע וכו׳ - מ׳דארף אבער לערנען הלכות תענית אין אזא ספר, וואס אין אים זיינען דא הלכות וואס זיינען פארבונדן מיט ימות המשיח. וואס דאס איז דער ספר פון רמב"ם.

[וואס דאס איז דאך דער חילוק צווישן דעם שו"ע מיטן רמב"ם; אין שו"ע זיינען דא נאר די דינים וואס זיינען שייך בזמן הזה, משא"כ

- אין -

אין רמב"ם זיינען דא הלכות קרבנות, הלכות פון ביהמ"ק, און הלכות פון משיח'ן - וואס זיי זיינען נוגע צו דעם זמן פון ימות המשיח. ביז אז דער סיום וחותם פון זיין ספר "יד החזקה" - איז דאס הלכות מלכים, וואס אין די לעצטע פרקים פון די הלכות רעדט זיך וועגן מלך המשיח].

אין הלכות תענית גופא, דארף מען לערנען ווי וועט זיין דער ענין התענית לעתיד לבא, וואס אין דעם איז דא א פס"ד ברור אין רמב"ם.

[ואע"פ אז דער רמב"ם (הל' מלכים רפי"ב) זאגט אז בנוגע צו די ענינים וואס וועלן זיין לע"ל זיינען דא כו"כ פרטים וואס מ'ווייסט ניט ווי זיי וועלן זיין - אעפ"כ זיינען דאך אבער דא כו"כ פרטים וואס דער רמב"ם פסק'נט אפ קלאר ווי וועט דאס זיין לע"ל.

און ווי מ'זעט אז בנוגע צו דעם יעוד "וגר זאב עם כבש" (ישעי' יא,ו) זאגט דער רמב"ם (שם) אז דאס איז געזאגט געווארן אויף דעם מצב וואס וועט זיין צווישן אידן מיט או"ה, אז דאס וועט זיין אין אן אופן פון "וגר זאב עם כבש"; אבער צי די כוונה איז אויך כפשוטו - דאס זאגט ניט דער רמב"ם; ער איז נאקע ניט שולל די דעה אז דאס מיינט אויך כפשוטו (וואס דאס איז דעת הראב"ד (שם)), ווי ער שרייבט אין זיינע אגרות (מאמר תחיית המתים) אז אויב עס וועט זיין א הוכחה אז מ'מיינט אויך די ענינים כפשוטם - וכדמשמע כך ממאמרי רז"ל - האלט ער אויך אזוי, ד.ה. אז דאס וואס ער פסק'נט ניט אפ די הלכה אין דעם איז, ווייל ביי אים איז ניט קלאר ווי וועט זיין דער פרט לעתיד לבא.

- אבער חסידות און קבלה (ראה קונטרס ענינה של תורת החסידות הע' 27) האלט אזוי ווי דער ראב"ד אז "וגר זאב עם כבש" וועט זיין כפשוטו, וואס די מחלוקת איז פארבונדן מיט די מחלוקת פון רמב"ם (הל' תשובה פ"ח ה"ב) מיטן ראב"ר (שם), צי שלימות קבלת השכר וועט זיין צו נשמות בגופים אדער צו נשמות בלא גופים -

און ס'איז דא דינים וואס דער רמב"ם פסק'נט אפ קלאר ווי וועט דאס זיין לע"ל, ע"ד מש"כ הרמב"ם בסיום הלכות מלכים (ספי"א) ווי וועט זיין דער סדר פון ביאת משיח, אז ס'וועט זיין יעמוד מלך מבית דוד, און ער וועט זיין הוגה בתורה, און ניט סתם הוגה בתורה, נאר כדוד אביו, דערנאך וועט זיין יכוף כל ישראל וכו', און דערנאך ילחום מלחמת ה' וינצח, און דערנאך יבנה מקדש במקומו, און דערנאך ויקבץ נדחי ישראל, וואס דאס איז דאך א פס"ד ברור אין רמב"ם אז אזוי וועט זיין.

און ווי געוועדס כמ"פ דעם כלל אין רמב"ם (ראה משל"מ הל' כלאים פ"ט הי"א, ובס' שנסמנו בשד"ח כללי הפוסקים ס"ו סק"א), אז אויב נושאי כלי הרמב"ם האבן זיך געקריגט אויף אים, איז דאס א הוכחה אז זיי האלטן אזוי ווי ער; און אין דעם דין איז קיינער ניט משיג אויף אים, ניט דער מחבר - כסף משנה, ניט דער ראב"ד (און ניט דער רמב"ן - שכתב ע"ד קבלת השכר כנ"ל) אע"פ אז אין אנדערע פרטים זיינען זיי משיג אויף אים, ווארום אין דעם פרט פסק'נען זיין אויך אזוי ווי דער רמב"ם.

איז אזוי ווי בנוגע צו דעם סדר פון ביאה משיח זאגט דער רמב"ם א פס"ד ברור, עד"ז בנוגע צו דעם ענין התענית ווי דאס וועט זיין לע"ל זאגט דער רמב"ם א פס"ד ברור].

אין סיום הלכות תעניות זאגט דער רמב"ם: "כל הצומות האלו

- עתידים -

עתידים ליבטל לימות המשיח, ולא עוד אלא שהם עתידים להיות ימים טובים ( - כ"ה בכמה כת"י הרמב"ם, בדפוס רומי וכו׳) וימי ששון ושמחה, שנאמר כה אמר ה׳ צבאות צום הרביעי וצום החמישי וצום השביעי וצום העשירי יהי׳ לבית יהודה לששון ולשמחה ולמועדים טובים והאמת והשלום אהבו", און דערמיט פארענדיקט דער רמב"ם הלכות תעניות.

צייכנט צו דער ראגאטשאווער (במקומו) דעם מקור דערפון - כדרכו בקיצור - אז דאס איז אין תוספתא סוף מסכת תענית, און ער זאגט "עיי"ש".

אז מ׳גיט א קוק אין תוספתא, זעט מען אז דארטן שטייט די זעלבע זאך וואס דער רמב"ם זאגט: "אותן ימים עתידין להיות ימים טובים לישראל שנאמר כה אמר ה׳ צום הרביעי וגו׳". איז דאך ניט פארשטאנדיק וואס מיינט דער ראגאטשאווער מיט דעם וואס ער זאגט "עיי"ש"?

אין רמב"ם גופא דארף מען פארשטיין:

א) פארוואס זאגט דער רמב"ם צוויי פרטים: (א) "כל הצומות האלו עתידים ליבטל", (ב) "ולא עוד אלא שהם עתידים להיות ימים טובים וכו׳"; גענוג ער זאל זאגן "שהם עתידים להיות ימים טובים", וועט מען אליין פארשטיין אז די צומות וועלן בטל ווערן, איז צוליב וואס דארף ער פריער זאגן "עתידים ליבטל", און צולייגן נאך אן ענין "ולא עוד אלא שהם עתידים להיות ימים טובים"?

דארף מען זאגן אז דערמיט וויל ער מוסיף זיין נאך א ענין. און י"ל אז דאס מיינט דער ראגאטשאווער מיט דעם וואס ער זאגט "עיי"ש", אז דורך דעם עיון אין תוספתא, וועט מען פארשטיין וואס איז דער רמב"ם מוסיף.

ב) דער רמב"ם ברענגט אראפ דעם גאנצן פסוק: "כה אמר ה׳ צום הרביעי וצום החמישי וצום השביעי וצום העשירי יהי׳ לבית יהודה לששון ולשמחה ולמועדים טובים והאמת והשלום אהבו", און אין תוספתא ברענגט זיך אראפ נאר דער אנהויב פון פסוק: "כה אמר ה׳ צום הרביעי וגו׳"?

- דאס וואס דער רמב"ם רעכנט אויס אלע צומות, און אין הוספתא ברענגט ער נאר צום הרביעי - איז קיין קושיא ניט, ווארום דער רמב"ם וויל איבערעכענען אלע צומות ווייל יש בזה מה שאין בזה, און יעדער איינער האט זיך זיין ענין מיוחד: תשעה באב איז לילו כיומו, עשרה בטבת איז געווען דער מצור אויף ירושלים, וואס דאס איז געווען דער מקור צו אלע ענינים כנ"ל, ועד"ז שאר הצומות, און דערפאר וויל דער רמב"ם אויסרעכענען אלע צומות; אבער צוליב וואס דארף ער ברענגען דעם סיום הפסוק: והאמת והשלום אהבו"?

ובפרט לויט די פרטים וואס זיינען מבאר דעם המשך פון פסוק, אז דאס איז א טעם פארוואס זיי וועלן ווערן "לששון ולשמחה ולמועדים טובים" - דערפאר וואס "האמת והשלום אהבו" - דער אויבערשטער האט ליב אמת און שלום, און ער האט ניט ליב אן ענין של תענית, דערפאר וועט דאס בטל ווערן, איז דאך נאכמער ניט פארשטאנדיק פארוואס ברענגט דער רמב"ם דעם סיום הפסוק "האמת והשלום אהבו" - ס׳איז דאך היפך ענין התענית - איז דאך ניט דער ארט אויף דעם אין הלכות העניות (איננו ברור)?

אפי׳ אויב מ׳וועט זאגן אז דער רמב"ם וועט לערנען דעם פסוק באופן אחר, אז דאס איז א פרט נוסף וואס וועט זיין לע"ל; איין זאך

- וועט -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

וועט זיין אז די טעג וועלן זיין "לששון ולשמחה ולמועדים טובים", און נאך אן ענין וועט זיין "האמת והשלום אהבו" - איז דאך דאס נים נוגע צו הלכות תעניות, אויב ער וויל זאגן אן ענין וואס וועט זיין בימות המשיח, זאל ער דאס זאגן אין הלכות מלכים, וואס דארטן רעדט זיך וועגן די ענינים וואס וועלן זיין לע"ל, וואס איז דאס אבער נוגע אין הלכות תעניות?

ג) פארוואס זאגט דער רמב"ם דעם לשון "יהי' גו' לששון ולשמחה", און נים ווי ס'שטיים אין אן אנדער ארט דעם לשון "והפכתי" (ירמי' לא, יב)?

אע"פ אז לשון הפסוק איז "יהי'", איז דאך אבער ווי גערעדט אמאל (ראה ד"ה ציון במשפט תפדה - השל"ה הע' 42) אז דער פסוק רעדט וועגן דעם זמן פון בית שני, און וויבאלד אז אין בית שני הכרו בו חמשה דברים (יומא כא,ב), איז דאס נים געווען בהכליה השלימה, דערפאר זאגט נים דער פסוק "יהפכו" - אבער דער רמב"ם רעדט דאך וועגן דעם זמן פון ימות המשיח, וואס דעמאלט וועט דאך אלץ זיין בהכליה השלימות, האט ער געדארפט זאגן דעם לשון "יהפכו לששון ולשמחה", וואס דאס איז דאך א לשון נעלה יותר, איז פארוואס זאגט ער דעם לשון "יהי' גו' לששון ולשמחה"?

והביאור בזה:

דאס וואס דער רמב"ם שרייבט צוויי ענינים: א) "כל הצומות האלו עתידים ליבטל, ב) "ולא עוד אלא שהם עתידים להיות ימים טובים"; און דאס וואס ער שרייבט דעם לשון "יהי' גו' לששון ולשמחה" און נים "יהפכו", איז בהא תליא:

ווען דער רמב"ם וואלט נים מחלק געווען אז ס'איז דא צוויי ענינים, און ער וואלט נאר געזאגט שהם עתידים להיות ימים טובים, וואלט מען געקענט זאגן אז ער מיינט נים צו זאגן אז דער ענין פון צום וועט נתהפך ווערן צו אן ענין של ששון. נאר ער זאגט אז דער ענין התענית וועט בטל ווערן, און אנשטאט אים וועט צוקומען א יו"ט, אבער נים אז דער עצם ענין התעניה וועט נתהפך ווערן צו ימי ששון:

און דערפאר שרייבט דער רמב"ם די צוויי ענינים: א) "כל הצומות האלו עתידים ליבטל", ב) "ולא עוד אלא שהם עתידים להיות ימים טובים", וואס דערמיט איז ער מדגיש אז נים נאר אז די צומות וועלן בטל ווערן, נאר נאכמער, אז אויך דער עצם ענין התענית וועט נתהפך ווערן, און וועט ווערן א יו"ט.

ועפי"ז איז אויך פארשטאנדיק דאס וואס דער רמב"ם זאגט דעם לשון "יהי' גו' לששון ולשמחה", און נים דעם לשון "יהפכו": דער רמב"ם דארף נים שרייבן דעם לשון "יהפכו", ווארום ס'איז פארשטאנדיק אז ער מיינט דעם ענין פון יהפכו, דערפון וואס ער איז מאריך בלשונו, און באגנוגנט זיך נים מיט דעם וואס ער זאגט אז די צומות וועלן בטל ווערן, נאר ער איז מוסיף נאך אן ענין "ולא עוד אלא", אז זיי וועלן ווערן ימים טובים - אז דער עצם ענין התענית וועט נתהפך ווערן און וועט ווערן א יו"ט.

וואס דאס איז די מעלה וואס וועט זיין לעתיד לבא, אז דער עצם ענין הצום וועט נתהפך ווערן צו א יום טוב. וואס דאס איז דאך די מעלה פון אתהפכא.

- וע"ד -

הנחת הת' בלתי מוגה

וע"ד ווי מ'זאגט בנוגע צו דעם ענין התשובה, אז אותם מצוה שהציעה לו באיסור הציעה לו בהיתר (מנחות כד,א), וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק וואס איז נוגע ס'זאל זיין די זעלבע מצוות שהציעה לו באיסור, זאל זיין אנדערע מצוה?

איז דער ביאור בזה, אז דאס באווייזט אויף גודל מעלה התשובה, אז זי איז אין אזא דרגא נעליה אז די זעלבע מצוות וואס זיינען פריער אן ענין על איסור, זיינען זיי נתהפך געווארן צו היתר;

איז ווען ס'וואלט געווען אנדערע מצוות, קען מען ניט וויסן צי דער פריערדיקער ענין - וואס איז געווען באיסור - איז נתהפך געווארן צי ניט, אבער בשעת אז אותם מצוות שהציעה לו באיסור הציעה לו בהיתר, באווייזט דאס אויף גודל מעלת התשובה, אז דער פריערדיקער ענין איז נתהפך געווארן לגמרי.

עד"ז איז דאס אויך אין דעם ענין התענית, אז ניט נאר וואס אנשטאט דעם צום, קומט אן ענין של שמחה, נאר נאכמער, דעם עצם הצום ווערט נתהפך צו אן ענין פון ימי ששון ושמחה.

דאס האט א מקור אויך אין נגלה, ווי מ'זעט דאס אין ב"ח.

[וכידוע דאס וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט (ספר הזכרונות ח"א ע' 327) אז דער ב"ח איז געווען א מקובל, און ווי מ'זעט ווי ער טייטשט אפ די ברכה פון ברכה התורה (או"ח סי' מ"ז), וואס דארטן זיינען דא ענינים מופלאים, ביז אז נאך דעם וואס מ'זעט וואס ס'שטייט אין ב"ח ווערט גאר א פלא ווי קען זיין א קס"ד אז מ'דארף ניט לערנען פנימיות התורה, בשעת דער ב"ח טייטשט אפ דעם ענין פון ברכת התורה - אז דאס איז דער ענין פון לימוד פנימיות התורה]

וואס די גמרא (ר"ה יח,ב) פרעגט אויף דעם וואס ס'שטייט אין פסוק (זכרי' ח,יט) "כה אמר ה' צבאות צום הרביעי וגו' יהי' לבית יהודה לששון ולשמחה" - קרי להו צום וקרי להו ששון, ווי קען זיין סיי דער ענין פון צום, סיי דער ענין פון ששון? ענטפערט די גמרא יש שלום אין שלום, דאיכא שמד ודליכא שמד.

פרעגט אויף דעם דער ב"י (סי' תק"נ) וואס איז די קושיא פון גמרא קרי להו צום וקרי להו ששון - ס'איז פארשטאנדיק בפשטות, דער פסוק זאגט אז פריער איז דאס געווען צום, און דערנאך וועט דאס ווערן ששון? און ער ענטפערט אויף דעם א תירוץ.

דער ב"ח ענטפערט אויך א תירוץ אויף דער שאלה, און ער זאגט אז דער ב"י "פי' בע"א, והפירוש שכתבתי הוא פשוט". און זיין תירוץ איז, אז די קושיא פון גמרא איז אויף דעם לשון "צום הרביעי גו' יהי' לששון וגו'", און ס'שטייט ניט אז דער חודש הרביעי יהי' לששון, וואס דערפון איז דאך משמע אז דער צום אליין וועט ווערן ששון, און אויף דעם פרעגט די גמרא ווי קען זיין אז דער צום אליין וועט ווערן ששון - צום איז דאך דער היפך פון ששון.

עכ"פ זעט מען דאך פון דעם ב"ח, אז ער איז מדייק אין דעם וואס ס'שטייט "צום הרביעי גו' יהי' לששון" - אז ניט נאר אז דער צום וועט בטל ווערן, און אנשטאט אים וועט זיין אן ענין של שמחה, נאר אז דער צום אליין וועט נתהפך ווערן צו ששון.

און דאס וואס דער פסוק זאגט "צום הרביעי גו' יהי' גו' לששון ולשמחה" און ניט דער לשון "יהפך" -

- איז -

איז נוסף למה שנת"ל אז דער פסוק רעדט וועגן דעם זמן פון בית שני, וואס דערפאר קען מען ניט זאגן דעם לשון יהפך כנ"ל - איז ווי געדעדט כמ"פ אז ס'איז ניט קיין הכרח אז אין איין פסוק זאלן שטיין אלע פרטים; איז דער פסוק קומט זאגן אן אנדער פרט, ניט דעם פרט פון יהפך, און דעם ענין פון יהפך לערנט מען פון אן אנדער פסוק - "והפכתי אבלם לששון" (ירמי' שם).

(און דאס וואס דער רמב"ם זאגט דעם לשון יהי' און ניט יהפך - איז ווי געזאגט פריער אז דער רמב"ם דארף ניט זאגן דעם לשון יהפך, ווייל ס'איז פארשטאנדיק אז דאס איז זיין כוונה דערפון וואס ער איז מאריך און שרייבט צוויי פרטים; ניט נאר אז דער צום וועט בטל ווערן, נאר אויך אז ס'וועט ווערן ימים טובים וכו').

און דאס וואס דער רמב"ם זאגט די צוויי ענינים: א) אז די צומות וועלן בטל ווערן, ב) אז זיי וועלן נהפך ווערן צו ימים טובים - איז דאס פארבונדן מיט שיטת הרמב"ם בנוגע צו ימות המשיח:

פון רמב"ם איז משמע אז אין ימות המשיח וועלן זיין צוויי תקופות (ראה קונטרס ענינה של תורה החסידות הע' 27) - וואס דערפאר זאגט ער דא די צוויי ענינים; ווארום אין די ערשטע תקופה וועט נאר זיין דער ענין אז די צומות וועלן בטל ווערן, ווייל דעמאלט וועט דאך זיין אין גזירה ואין שמד, ווארום ס'וועט זיין ילחום מלחמת ה' וינצח: און דערנאך וועט זיין די צווייטע תקופה - דער ענין פון אתהפכא, און דעמאלט וועט דער עצם ענין הצום נתהפך ווערן צו ימי ששון ושמחה.

וואס דאס איז אויך דער קשר צו תחילה הלכות העניות: דער ענין התענית איז דאך דער ענין פון תשובה כנ"ל, און אין תשובה זיינען דאך דא כו"כ דרגות, איז פריער קומט ער צו די נידעריקע דרגא אין תשובה; און דערנאך קומט ער צו די דרגא הכי נעלית אין דעם ענין התשובה - דער ענין פון אתהפכא, זדונות נעשו לו כזכיות;

ועד"ז איז דאס אין סיום הלכות תעניות, אז ס'איז דא די צוויי דרגות; די ערשטע דרגא איז אז דער ענין ההפכי ווערט בטל, און דערנאך קומט די צווייטע דרגא אז דער צום אליין וועט נהפך ווערן צו ימי ששון ושמחה.

און דאס וואס דער רמב"ם בדענגט אויך דעם המשך פון פסוק "האמת והשלום אהבו" - קומט ער דערמיט פארענטפערן א קושיא:

דאס וואס דער רמב"ם זאגט "כל הצומות האלו עתידים ליבטל וכו'" - איז דאס געזאגט געווארן בנוגע צו אלע אידן, איז דאך לכאורה ניט פארשטאנדיק: אין פסוק שטייט דאך "יהי' לבית יהודה לששון ולשמחה" און ניט צו אלע אידן?

- אין תוספתא איז דער לשון "אותן ימים עתידים להיות ימים טובים לישראל", אבער דער רמב"ם ברענגט דאך דעם לשון הכתוב "לבית יהודה", איז דאך דאס אן ענין וואס איז שייך נאר צו בית יהודה (ניט לכל ישראל)?

- דאס וואס אין פסוק שטייט לבית יהודה און ניט לכל ישראל - איז קיין קושיא ניט, ווארום דער פסוק רעדט בנוגע צו זמן בית שני, קען מען ניט זאגן אז דאס איז לכל ישראל, ווארום דעמאלט זיינען געווען נאר בית יהודה, משא"כ די עשרת השבטים וואס האבן גולה געווען

- כעבר -

הנחת הת' בלתי מוגה

מעבר לנהר סמבטיון, זיינען ניט געווען אין א"י בזמן בית שני, זאגט דערפאר דער פסוק "לבית יהודה"; אבער דער רמב"ם רעדט דאך וועגן ימות המשיח, וואס דעמאלט וועלן דאך זיין אלע אידן, אעפ"כ ברענגט ער דעם לשון הפסוק "לבית יהודה", וואס דערפון איז משמע אז דאס איז ניט לכל ישראל?

און כדי צו פארענטפערן די קושיא, און זאגן אז די כוונה איז לכל ישראל (אע"פ אז ער ברענגט לשון הפסוק "לבית יהודה") - ברענגט ער סיום הפסוק "והאמת והשלום אהבו":

וואס דאס איז ע"ד ווי מ'זאגט אין היינטיקע הפטרה "ליהודה ולבני ישראל חביריו...ליוסף עץ אפרים וכל בית ישראל חביריו...ועשיתים לעץ אחד...ומלך אחד יהי' לכולם...ולא יחצו עוד לשתי ממלכות...ודוד עבדי נשיא להם לעולם", ד.ה. אז דעמאלט וועט זיין "האמת והשלום אהבו". וואס מצד דעם ענין השלום וועט ניט זיין שתי ממלכות;

וואס דערפאר ווערן אלע אידן נכלל אין דעם וואס ס'שטייט "בית יהודה", ווייל דעמאלט וועט ניט זיין שתי ממלכות, ווארום ס'וועט זיין ודוד עבדי נשיא להם - אויף אלע אידן.

און דערפאר ברענגט דער רמב"ם סיום הפסוק "האמת והשלום אהבו", אז מצד דעם ענין השלום וואס וועט דעמאלט זיין, וועט ניט זיין שתי ממלכות, במילא איז דאס וואס ס'שטייט "בית יהודה" - איז די כוונה צו כל בית ישראל.

און דאס וואס ער זאגט "בית יהודה", און זאגט ניט בפירוש כל ישראל - איז דער ביאור אין דעם:

ביי בית יהודה איז געווען דער קושי השעבוד מער ווי ביי די איבעריקע שבטים, ווארום שאר השבטים האבן גולה געווען מעבר לנהר סמבטיון, איז ביי זיי ניט געווען קושי השעבוד אזוי ווי ביי שבט יהודה, און ווי מ'זאגט אין דעם פיוט פון תשעה באב "נדדת את אחה וכו' פעמים נלכדתי", איז ביי בית יהודה געווען דער קושי השעבוד מער, ביז צו דעם חושך כפול ומכופל פון דעם גלות;

און דער ששון ושמחה וואס וועט זיין לע"ל איז דאך הלוי אין קושי השעבוד אין זמן הגלות, ד.ה. אז וואס דער שעבוד אין זמן הגלות איז גרעסער, וועט מער זיין דער ענין פון ששון ושמחה לע"ל;

וואס דערפאר ברענגט ער דעם פסוק "צום הרביעי וגו' יהי' לבית יהודה לששון ולשמחה", וואס דערמיט איז ער מדגיש גודל השמחה וואס וועט זיין לע"ל - וויבאלד דאס וועט זיין נאך דעם קושי השעבוד פון בית יהודה.

און מצד דעם ענין השלום וואס וועט דעמאלט זיין, וועט זיין ביי כל ישראל דער ששון ושמחה אזוי ווי ביי בית יהודה - אזא ששון ושמחה וואס קומט נאך אזא קושי השעבוד ווי ס'איז געווען ביי בית יהודה, איז מצד דעם ענין השלום וואס וועט דעמאלט זיין, אז "ולא יחצו עוד לשתי ממלכות", און "ומלך אחד יהי' לכולם", וועט זיין ביי כל ישראל דער ששון ושמחה אזוי ווי ביי בית יהודה. וואס דערפאר ברענגט ער דעם לשון הפסוק "בית יהודה".

וואס דאס איז אויך מתאים מיט דעם וואס איז מבואר עפ"י פנימיות הענינים די מעלה פון יהודה לגבי יוסף, ווי ס'שטייט (רות ג,יג) "אם

- יגאלך -

יגאלך סוב יגאל" וואס דאס איז די דרגא פון יוסף, "ואם לא גו׳ וגאלתיך אנכי", וואס דאס וועט נמשך פון בחי׳ אנכי, דלא אתרמיז בשום אות ובשום קוץ - פון עצמות ומהות. כמבואר אין דרושי רבותינו נשיאנו אויף ויגש אליו יהודה, קורות בתינו ארזים.

(חסר הביאור בכ"ש "האמת והשלום אהבו". והקישור למארז"ל אמת אמר אל יברא וכו׳).

אזוי ווי מ׳זאגט (תניא רפל"ז) דאך אז אלע גילויים דלע"ל זיינען תלוי במעשינו ועבודתינו בכשך פון זמן הגלות - איז דורך די עבודה אין דעם ענין פון האמת והשלום אהבו, פועל׳ט מען דעם קיום היעוד אז יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה, בביאת משיח צדקינו, דא מלכא משיחא.

ג. ע"ד ווי גערעדט בנוגע צו תפילה און תורה, עד"ז איז דאס אויך בנוגע צו צדקה, אז אע"פ וואס כל המרבה הרי"ז משובח, אעפ"כ זיינען דא אין דעם פרטים: אז נתינת הצדקה דארף זיין סיי אויף עניים פון חו"ל, סיי אויף עניים פון א"י.

דאס וואס מ׳דארף געבן צדקה אויף עניים פון חו"ל, איז דאס דערפאר וואס דער רוב מנין און רוב בנין פון אידן און אידישקייט בזמן הגלות איז דאס אין חו"ל.

עד"ז איז מבואר אין חסידות (אוה"ת ויצא ע׳ רי"ז) די מעלה פון חו"ל, אז בזמן הגלות איז דארטן גרינגער צוקומען צו רוה"ק ווי אין א"י. אע"פ אז ס׳איז דא די קושיא אויף דעם פון דעם וואס חו"ל איז דאך אוירה וגושה טמא (גיטין ח,ב), אעפ"כ אזוי שטייט אין חסידות אז בזמן הגלות איז אין חו"ל גרינגער צוקומען צו רוה"ק.

און וויבאלד אז דער ענין הצדקה איז כדי להקים סוכת דוד הנופלת (ראה אגה"ק סי׳ כ׳); איז ווי גרויס ס׳זאל נאר זיין די ירידה אין א"י, איז דאך דא א גרעסערע ירידה אין חו"ל, וואס דערפאר דארף זיין דער ענין הצדקה אין חו"ל מער ווי אין א"י. און אויך, וויבאלד אז חו"ל איז דאך אין אן אופן פון מטה מטה, איז דאס פארבונדן מיט מעלה מעלה, ווארום כל הגבוה יותר יורד למטה יותר.

און ס׳איז נים קיין סתירה צו דעם וואס עס איז מבאר אין אגה"ק (סי׳ ח׳) די מעלה פון צדקת א"י, וואס זי איז מכוון ממש כנגד ארצות החיים וכו׳ - איז דאך דאס אבער נים שולל די צדקה פון חו"ל. און ווי עס זאגט אין אגה"ק (סי׳ ד׳) אויף צדקת א"י "והיא שעמדה לנו", וואס דאס איז די מעלה וואס איז דא אין צדקת א"י, ס׳איז אבער נים שולל צדקת חו"ל.

וואס דאס איז ע"ד ענין התפילה, וואס ס׳שטייט דאך אין שו"ע (אדה"ז או"ח רסצ"ד) "הי׳ עומד בחו"ל יחזיר פניו כנגד א"י, שנאמר (מלכים א ח,מח) והתפללו אליך דרך ארצם", און אין א"י גופא - דארף דאס זיין כנגד מקום המקדש און קה"ק, איז דער טייטש אז דורך דעם ארט גייען דורך די תפילות, אבער די תפילות אליין קומען דאך אויך פון חו"ל.

ועד"ז איז דאס אויך אין צדקה, אז אידן געפינען זיך אין חו"ל, און דארטן דאווענען זיי און גיבן צדקה וכו׳, וואס דורך דעם זיינען זיי מעלה די עניינים פון חו"ל. וכידוע פתגם הצ"צ "מאך דא א"י" (לקו"ש ח"ב ע׳ 621).

- וואס -

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u>